**גוט שבת אלע אידן.** די הייליגע תורה רעדט די וואך וועגן די צוויי ברידער עשו און יעקב. רש"י איז מסביר אז יעקב איז דער אב פונעם אידישען פאלק און עשו, להבדיל, איז דער אב פון די גויאישע פעלקער. די תורה דערציילט ווי יעקב האט גענומען די בכורה פון עשו. ווי באוואוסט, איז עשו זייער ברוגז געווען אויף יעקב וועגן דעם. און דאס איז די מקור פון דער שינאה וואס גוים האבן קעגן אידן ביזן היינטיגען טאג. סתם גוי האט פיינט א איד, אזוי ווי די גמרא זאגט אין דעם נאמען פון רבי שמעון בן יוחאי: "הלכה היא, בידוע שעשו שונא ליעקב." (ב"ר עח, ט)

אין יעדען דור לײדן די אידן פון גויאישע עשו'ען, ימ"ש. די שינאה וואס גוים האבן קעגן אידן איז זייער שטארק, און עס ווערט נישט ווייניגער אפילו דער מעשה מיט יעקב און עשו האט פאסירט אזוי לאנג צוריק! אויף דעם ענין, זאגט די גמרא א פלאדיגע זאך: די שינאה וואס א איד אן עם הארץ האט קעגען תלמידי חכמים איז נאך גרעסער ווי די שנאה וואס די גוים האבן! אזוי ווי חז"ל זאגן, "גדולה שנאה ששונאין עמי הארץ לתלמיד חכם, יותר משנאה ששונאין אומות העולם את ישראל!" (פסחים מט:)

לויט די חז"ל קומט עס אויס אז אן עם הארץ האט פיינט תלמידי חכמים אפילו מער ווי די גרעסטע ימח שמו'ניקס! אויב אזוי, עס איז דא אפשר א חיוב צו לערנען תורה מיט אן עם הארץ כדי דער עם הארץ זאל ווערן אויס–עם הארץ און דורך דעם וועט ער ווערן א אוהב ישראל. יעדער איינער זאל טראכטן וועגן די שכר פון די וואס האבן געלערנט תורה מיט למשל רבי עקיבא, זי"ע, וואס איז געווען אן עם הארץ ביז ער האט געלערנט תורה. די פאלגענדע מעשה ווייזט אויף א מורא'דיגע אופן ווי די מאמר חז"ל, אז אן עם הארץ האט מער פיינט ת"ח ווי גוים האבן פיינט אידן, גייט אן עד היום.

ר' אהרן גאלדשטיין, (נישט זיין עכטע נאמען) איז א איד א תלמיד חכם וואס האט א ישיבה אין געגענט. די ישיבה האט אנגעפאנגען אין מאנסי. אין די ערשטע יארן, האט די ישיבה געדינגען פלאץ פון דער אור שמח ישיבה. ווען דער ישיבה האט זיך ב"ה פארגרעסערט, האבן זיי געזוכט א נייע פלאץ צו האלטן דער ישיבה.

ר' אהרן איז געוואר געווארן וועגן אן אינטערעסאנטע געלעגענהייט. עס איז געווען אין די "פאמונא" געגענט (נישט ווייט פון שטעטל) א אלטע רעפארמע סיניגאג (א "שול.") יענע "קהילה" איז צוביסלעך געווארן קלענער און קלענער. די סדר איז ביי כמעט אלע אויב נישט אלע פון די רעפארמע קהילות אז זיי שטארבען אפ צוביסלעך ווייל זיי זענען בעצם ליידיגע מענטשן וואס האבן ארויסגעווארפן די עצם פון אידישקייט. די מעמבערס ווערן עלטער און די יונגע דורות פון זיי זענען שוין נישט אינטערעסירט אין די מין אידישקייט, וואס האט נישט קיין טעם.

בקיצור, אין יענע סיניגאג, האבן זייערע "מעמבערס" שוין נישט געקענט אויסהאלטן דעם בנין וכו'. די "בארד" פון די סיניגאג האט געטראפן א צווייטע רעפארמע סיניגאג אין "מאנטעבעלו" (לעבן סאפרען) וואס איז אויך געווען זייער שוואך. זיי האבן אפגעמאכט צו מאכן איין סיניגאג פון זייערע צוויי קהילות. זיי האבן אפגעמאכט אז די קהילה פון פאמונא וועט פארקויפן זייער בנינים און זייערע מעמבערס וואלטן קומען "דאווענען" אין דעם שול אין מאנטעבעלו.

רב גאלדשטיין האט עס געזען אלס א געוואלדיגע געלעגענהייט אפצוקויפן דעם סיניגאג אין פאמונא כדי עס צו נוצן פאר די ישיבה. ער האט גערופן זיין לויער און געבעטן ער זאל מעלדען צו דעם סיניגאג וועגן קויפן דעם בנין. רב גאלדשטיין האט זיך פארגעשטעלט אז לכאורה וועלן זיי שנעל מסכים זיין צו פארקויפן דעם בנין פאר א ישיבה. אזא זכיה צו האבן בחורים לערנען די הייליגע תורה טאג און נאכט איין זייער בנין! שפעטער איז רב גאלדשטיין אבער זייער שטארק אנטוישט געווארן...

דער לויער האט גערופן דעם סיניגאג און זיי האבן אים געזאגט א פרייז. רב גאלדשטיין איז שנעל געגאנגען צו א "ברוקער" די נעקסטע טאג, און ער האט מיט א פאר טעג שפעטער פארשאפן א הלואה פאר דעם גאנצען סכום. רב גאלדשטיין האט גערופן דעם לויער מיט גרויס פרייד צו דערציילן אז זיי גיין קענען שליסן דעם געשעפט אין אפאר וואכן!

דער לויער האט צוריקגערופן דעם סיניגאג און ער האט געלאזט א מעסעדזש. ער האט געווארט א טאג צוויי אבער קיינער האט אים נישט צוריקגערופן. רב גאלדשטיין האט גערופן זיין לויער צו פרעגן וואס טוט זיך. דער לויער האט אים געזאגט אז ער האט פרובירט צו רופן אבער זיי האבן אים נישט צוריקגערופן וכו'. אפאר טעג שפעטער, האט דער לויער באקומען א בריוו פון זיי. אין דער בריוו האבן זיי געשריבן אז עס איז געווען אן אנדערע גרופע מענטשן וואס האבן אויך געוואלט אפקויפן דעם בנין, און צוליב דעם, האט דער בארד פונעם סיניגאג גערופן א ווואלן צו וויסן צו וועמען צו פארקויפן דעם בנין.

רב גאלדשטיין האט אויסגעהערט זיין לויער און ער האט אים געפרעגט צי עס איז געווען אן אנדערע ישיבה וואס האט געוואלט קויפן דעם בנין. דער לויער האט געענטפערט רב גאלדשטיין אז עס איז נישט געווען קיין אנדערע ישיבה. נאר וואס? די אנדערע גרופע איז געווען גוים. נישט סתם גוים! עס איז געווען א גרופע גוים וואס האבן געוואלט אפקויפן דעם בנין און מאכן פון עס א תיפלה! און נישט סתם א תיפלה, יענע גוים ימ"ש זענען עובדי עבודה זרה ממש. זיי זענען געווען פון א רעליגיע וואס איז דומה צו די אמאליגע רעליגיע פון די פרסיים ימ"ש וואס האבן גערודפט די אידן אין די צייט פון די גמרא.

רב גאלדשטיין האט נישט געקענט גלייבן אז דער סיניגאג האט באמת געוואלט פארקויפן זייער בנין פאר עובדי עבודה זרה ימ"ש. ער האט געטראכט אז לכאורה האבן זיי געדארפט מאכן א ווואלן ווייל זיי האבן נישט געוואלט באליידיגען די גוים וואס האבן אויך געוואלט דעם בנין. ווייל טאמער דער סיניגאג וואלט עס גלייך פארקויפט פאר די ישיבה, וואלטן די גוים געטענעט "דיסקרימינעשאן." מיט דער מחשבה איז רב גאלדשטיין זיכער געווען א די ווואלן איז נאר געווען א שפיעל, און צום סוף וועלן זיי טאקע פארקויפן דעם בנין צו דער ישיבה.

דער טאג פון דעם ווואלן אין דעם סיניגאג איז אנגעקומען. רב גאלדשטיין האט גערופן דעם לויער צו הערן וואס איז געשען. רב גאלדשטיין האט ערווארט צו הערן אז די ישיבה וועט קענען קויפן דעם בנין. הפלא ופלא, איז די ווואלן אויסגעקומען אזוי: זעקס און צוואנציג מעמבערס האבן געשטימען צו פארקויפן דעם סיניגאג צו דער ישיבה, און א הונדערט פיר און זיביטציג האבן געוואלט עס פארקויפן צו די גוים! רב גאלדשטיין איז געוואר געווארן אז עטליכע מעמבערס פון דעם סיניגאג האבן ארומגעשיקט בריוועך קעגען די ישיבה, השם ירחם! רב גאלדשטיין האט זיך דערמאנט וועגן די חז"ל: "גדולה שנאה ששונאין עמי הארץ לתלמיד חכם, יותר משנאה ששונאין אומות העולם את ישראל!"

די גמרא דערציילט אז דער הייליגער רבי עקיבא, זי"ע איז געווען אן עם הארץ וואס האט זייער שטארק פיינט געהאט תלמידי חכמים. נאכדעם וואס רבי עקיבא איז געווארן פערציג יאר אלט, איז ער א בעל תשובה געווארן און ער האט אנגעפאנגען צו לערן תורה. רבי עקיבא איז אנגעקומען צו די מדריגה פון משה רבינו ע"ה! פון דא זעט מען די וויכטיגקייט פון לערנען תורה מיט שוואכערע אידן, ווייל דורך דעם קענט מען האבן די זכיה צו מאכן אפשר א רבי עקיבא פון אן עם הארץ! **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב להרה"ג רבי צבי אלימלך האלבערשטאם שליט"א לרגל שמחת נשואי בנו כמר דוד שליט"א בשעטומ"צ
לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה :: **נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל**
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)